# פרשת שופטים

**משיחת יום ג׳ פ׳ תבוא, י״ד אלול ה׳תש״מ, לילדי מחנות קיץ שיחיו.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מְ׳גֶעפִינְט זִיך דָאס אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל,

וָואס אָט דֶעמָאלְט אִיז דָאך, וִוי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיז ״הַמֶּלֶךְ בַּשָּׂדֶה״, אַז מְ׳דַארף זִיך גָארְנִיט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן מַאכְן צוּגְרֵייטוּנְגֶען כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן זִיך מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים קְרוֹינֶען אַלְס אַ מֶלֶךְ אוּן אֱלֹקִים – וָוארוּם עֶר גֶעפִינְט זִיך מִיט יֶעדֶער אִידְן אִין פֶעלְד, נִיט בְּהֵיכַל מַלְכוּתוֹ, נִיט בַּא זִיך אָפְּגֶעשְׁלָאסְן אִין זַיין הֵיכַל, נָאר מִיט יֶעדֶער אִידְן אִין פֶעלְד,

אוּן וִוי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי שְׁטְרַייכְט אוּנְטֶער, אַז עֶר בַּאוַוייזְט זֵיי ״פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת״ – אַ פְרֵיילֶעכְן פָּנִים, ״וּמְקַבֵּל בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת״ – אוּן עֶר נֶעמְט-אוֹיף יֶעדֶערְן פוּן זֵיי מִיט אַ לַייכְטֶענְדְן פָּנִים אוּן מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים, אוּן וַוארְט אַז מְ׳וֶועט אִים גֶעבְּן דִי בַּקָשׁוֹת, וֶועט עֶר זֵיי מְמַלֵא-זַיין.

* * *

וָואס דָאס פְרִיעֶר-גֶעזָאגְטֶע קוּמְט אוֹיך אִין פַארבִּינְדוּנְג וָואס גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה, אִיז בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר בְּכָל יוֹם, אַ-חוּץ שַׁבָּת אוּן עֶרֶב רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, (אוּן וִוי גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶערוֹיף אוֹיך דֶער טַעַם) אוּן וִוי מְ׳הָאט אוֹיך דָא גֶעבְּלָאזְן אִיצְטֶער נָאך דֶער תְּפִילָה, [אִין צוּגָאבּ וָואס מְ׳בְּלָאזְט שׁוֹפָר בְּכָל יוֹם נָאך תְּפִילַּת שַׁחֲרִית, אִין אָנְהוֹיבְּ טָאג],

אוּן וִוי גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶערוֹיף דֶער טַעַם, אַז דָאס אִיז דֶערְמָאנֶען אִידְן אוֹיף דִי יִרְאָה, ״הַיִתָּקַע שׁוֹפָר בָּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ״[1], אוֹיף דֶערְמָאנֶען זִיך אוֹיף יִרְאַת-הַשֵּׁם, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט דֶערְנָאך אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מְקַיֵים-זַיין דִי מִצְוֹת וָואס אִין תּוֹרָה, וִוי דֶערְמָאנְט פְרִיעֶר,

אוּן וָואס דָאס וֶוערְט נָאכְאַמָאל דֶערְמָאנְט פוּן-דָאס-נַיי מַמָשׁ ״הַיוֹם הַזֶה״ – דוּרְךְ תְּקִיעַת שׁוֹפָר.

אוּן וִוי גֶעזָאגְט אִין דֶעם טַעַם, אַז ״יֶחֱרָדוּ״: דִי זַאך פוּן דֶער יִרְאָה אִיז דָאס נִיט פַאר-זִיך, נָאר כְּדֵי דָאס זָאל בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם תַּכְלִית, צוּם עִיקָר תַּכְלִית,

וָואס דָאס אִיז – וִוי דֶער טַעַם וָואס סְ׳שְׁטֵייט אוֹיף תְּקִיעַת-שׁוֹפָר, אַז דָאס אִיז וִוי מְ׳פִירְט זִיך, אַז בִּשְׁעַת מְ׳קְרוֹינְט אַ קֵייסֶער אִיז אָט דֶעמָאלְט בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר, אוֹיף צוּ בַּאוַוייזְן דִי שִׂמְחָה, אַז מְ׳הָאט מַכְתִּיר גֶעוֶוען דֶעם מֶלֶךְ, וִוי ר׳ סַעַדְיָ׳ גָאוֹן אִיז מַאֲרִיךְ בַּאֲרוּכָּה,

---

1) עמוס פרק ג׳ פסוק ו׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

וָואס אָט אַזוֹי אִיז אוֹיך בְּהַנוֹגֵעַ צוּ תְּקִיעַת-שׁוֹפָר פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, תְּקִיעַת שׁוֹפָר פוּן הַיינְטִיקְן טָאג, וָואס מְ׳הָאט אוֹיך עֶרְשְׁט-אָ גֶעבְלָאזְן – אוֹיף דֶערְמָאנֶען יֶעדֶערְן פוּן אוּנְז – אוּן אוֹיך אַלֶע אִידְן בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם, וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיך – אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן יִרְאַת-הַשֵּׁם, אוּן צוּ טָאן וִוי סְ׳שְׁטֵייט אִין דֶעם שִׁיעוּר פוּן דֶעם טָאג פוּן חוּמָשׁ[2] – לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מְקַיֵים-זַיין זַיינֶע מִצְוֹת,

אָנְהוֹיבְּנְדִיק פוּן דֶער מִצְוָה פוּן "הֶאֱמַרְתָּ[3]" – אַז מְ׳נֶעמְט-אָן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלְס אַ קֵייסֶער, "הַיּוֹם הַזֶּה[4]", דֶעם טָאג מַמָּשׁ.

אוּן דָאס אִיז אוֹיך פַארבּוּנְדְן, וִוי מְ׳זֶעט דָאך וִוי סְ׳פִירְט זִיך אִין מִנְהָגִים, אוּן גֶעבְּרַאכְט אוֹיך אִין תּוֹרָה, אַז אַ מֶלֶך וֶוען מְ׳קְרוֹינְט אִים אַלְס אַ קֵייסֶער, אִיז אָט דֶעמָאלְט גִיט עֶר מַתָּנוֹת צוּ דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אִים מַכְתִּיר גֶעוֶוען אַלְס אַ מֶלֶך,

וּבִפְרַט נָאך וִוי מְ׳הָאט פְרִיעֶר דֶערְמָאנְט[5], אַז יֶעדֶערֶער פוּן אַייך – אוּן זִיכֶער נָאך אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִידִישֶׁע עֶרְוַואקְסֶענֶע – הָאבְּן גֶעגֶעבְּן מַתָּנוֹת פוּן פְּסוּקֵי הַתּוֹרָה אוּן פוּן מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל אוּן פוּן קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אוּן גֶעגֶעבְּן אַ סַך, אוּן מִיט "פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת" אוּן מִיט "פָּנִים יָפוֹת",

וָואס דָאס פַארגְרֶעסֶערְט נָאכְמֶערֶער דִי מַתָּנוֹת וָואס דֶער קֵייסֶער, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, דֶער מֶלֶך מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, גִיט יֶעדֶערְן פוּן אַייך אוּן יֶעדֶערְן פוּן דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק, אוּן יֶעדֶער אִידְן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיך,

אָנְהוֹיבְּנְדִיק פוּן דֶער מַתָּנָה עִיקָרִית, אַז מְ׳זָאל זִיך גְרֵייטְן צוּ דֶעם יָאר וָואס קוּמְט-אָן, אוּן סְ׳זָאל זַיין אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, לְשָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה, צוּ יֶעדֶערְן אוּן יֶעדֶערֶע אִין וָואס עֶר נוֹיטִיקְט זִיך,

צוּזַאמֶען מִיט דֶער בְּרָכָה הָעִיקָרִית – גְאוּלָה הָאֲמִיתִּית וְהַשְּׁלֵימָה עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ מַמָּשׁ.

———•———

2) פרשת כי-תבוא, פרק כו פסוק יז.

3) שם.

4) שם, פסוק טז.

5) מנהלי המחנות-קיץ שיחיו, בדיבורם אל הילדים והילדות, אחרי אמירת י"ב הפסוקים ומאמרי חז"ל.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

## SICHA 14 ELUL 5740 – TO THE SUMMER CAMPS

***Free Translation****

We find ourselves now, in the month of Elul.

This is the time when, as the Alter Rebbe says, "the King is in the field." There is no need for hard work or preparation to "meet" with the Almighty and crown Him as our king and G-d, for He is with every Jew "in the field." He is not in His Royal Palace, concealed in His throne room, but with every Jew in the field.

The Alter Rebbe emphasizes that "He shows them a smiling countenance," a happy face, "and receives them graciously." He welcomes each of them with a radiant, pleasant face and anticipates their requests, so that He may fulfill them.

* * *

This is connected also to the fact that during the month of Elul, when the "King is in the field," we blow the Shofar daily, aside for Shabbat and the day before Rosh Hashanah. As we have done just now, after the prayers, in addition to the daily Shofar blowing after the morning prayers at the beginning of the day.

The reason for the Shofar blowing is, to remind the Jewish People of the awe of G-d. "Is the Shofar ever sounded in the city and the people do not tremble?" To evoke the awe of G-d, which brings one to study Torah and to fulfill its Mitzvot, as mentioned earlier.

The Torah and Mitzvot are recalled anew, as though they were given "this very day," through the blowing of the Shofar.

As cited from the verse, the reason for Shofar blowing is so that "they tremble": But the point of the "trembling" is not the awe itself, rather the result which it brings to, indeed the foremost result: Learning Torah and fulfilling Mitzvot with joy.

For there is another reason for blowing the Shofar: It is customary when crowning a king, to blow the Shofar as an expression of joy in having anointed a ruler, as Rabbi Sa'adya Gaon explains at length.

Similarly, the Shofar blowing during the month of Elul — today's Shofar blowing, which we have just now fulfilled — it is to remind each of us, as well as all Jewish

---

*) Taken from the subtitles that appear on the screen.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

people everywhere, about the fear and awe of G-d. To fulfill what it says in today's Torah portion[6]: To study Torah and fulfill its Mitzvot.

Beginning with the Mitzvah of "you have distinguished," that we accept G-d as King "this very day."

This connects to another concept as well: It is customary, and it is mentioned in the Torah, that when a king is crowned he offers gifts to all those who crowned him.

So now that, as mentioned earlier[7], each of you— and certainly other Jewish children and adults— has presented gifts to G-d, in the form of verses of Torah and fulfillment of Mitzvot; indeed, you have given abundantly and with a "smiling and pleasant face."

This further increases the gifts from the King; gifts that G-d, King of all kings blessed be He, gives each of you, and every Jew wherever he may be.

Beginning with the foremost gift; we will prepare for the coming year, and G-d will inscribe it and seal it as a good, sweet year —visible and revealed goodness, for all people in all their needs.

In addition to the most essential blessing the true and complete redemption through our righteous Moshiach, may it be speedily in our days.

6) In Parshas Ki Savo (when the Sicha was said), Ch. 26

7) By the directors of the Camps, after saying the 12 Pesukim, at the beginning of the Rally.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

**בס"ד. משיחת יום ג' פ' תבוא, י"ד אלול ה'תש"מ, לילדי מחנות קיץ שיחיו.**

| | |
|---|---|
| We find ourselves now<br>in the month of Elul. | מְ׳גֶעפִינְט זִיך דָאס אִין חוֹדֶש אֱלוּל, |
| This is the time when,<br>as the Alter Rebbe says, | וואָס אָט דֶעמָאלְט אִיז דָאך,<br>וִוי דֶער אַלטֶער רֶבִּי זָאגְט, |
| "the King is<br>in the field." | אִיז "הַמֶלֶך בַּשָׂדֶה", |
| There is no need<br>for hard work | אַז מְ׳דַארף זִיך גָארְנִיט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען |
| or preparation to "meet"<br>with the Almighty | און מַאכְן צוּגְרֵייטוּנְגֶען<br>כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן זִיך מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן |
| and crown Him as<br>our king and G-d, | און אִים קְרוֹינֶען אַלְס אַ מֶלֶך און אֱלֹקִים — |
| for He is with<br>every Jew "in the field." | וָוארוּם עֶר גֶעפִינְט זִיך מִיט יֶעדֶער אִידְן אִין פֶּעלְד, |
| He is not in<br>His Royal Palace, | נִיט בְּהֵיכַל מַלְכוּתוֹ, |
| concealed in<br>His throne room | נִיט בַּא זִיך אָפְּגֶעשְׁלָאסְן אִין זַיין הֵיכַל, |
| but with every<br>Jew in the field. | נָאר מִיט יֶעדֶער אִידְן אִין פֶּעלְד, |
| The Alter Rebbe<br>emphasizes that | און וִוי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי שְׁטְרַייכְט אוּנְטֶער, |
| "He shows them a<br>smiling countenance," | אַז עֶר בַּאוַוייזְט זֵיי "פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת" — |
| a happy face, | אַ פְרֵיילֶעכְן פָּנִים, |
| "and receives<br>them graciously." | "וּמְקַבֵּל בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת" — |
| He welcomes<br>each of them | און עֶר נֶעמט-אוֹיף יֶעדֶערְן פוּן זֵיי |
| with a radiant,<br>pleasant face | מִיט אַ לַייכְטֶענְדְן פָּנִים און מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים, |

© 2000 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

| | |
|---|---|
| and anticipates their requests,<br>so that He may fulfill them. | און וַוארט אַז מְ׳וֶועט אִים גֶעבְּן דִי בַּקָשׁוֹת,<br>וֶועט עֶר זֵיי מְמַלֵא-זַיין. |
| This is connected<br>also to the fact | וואָס דָאס פְּרִיעֶר-גֶעזָאגְטֶע<br>קוּמְט אוֹיךְ אִין פַארבִּינְדוּנְג |
| that during<br>the month of Elul, | וואָס גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, |
| when the<br>"King is in the field," | וֶוען דֶער מֶלֶךְ [אִיז] בַּשָׂדֶה, |
| we blow<br>the Shofar daily, | אִיז בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר בְּכָל יוֹם, |
| aside for Shabbat and the<br>day before Rosh Hashanah. | אַחוּץ שַׁבָּת און עֶרֶב רֹאשׁ-הַשָׁנָה, |
| | (און וִוי גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶערוֹיף אוֹיךְ דֶער טַעַם) |
| As we have done just now,<br>after the prayers, | און וִוי מְ׳הָאט אוֹיךְ דָא גֶעבְּלָאזְן<br>אִיצְטֶער נָאךְ דֶער תְּפִילָה, |
| in addition to the<br>daily Shofar blowing | [אִין צוּגָאב וואָס מְ׳בְּלָאזְט שׁוֹפָר בְּכָל יוֹם |
| after the morning prayers<br>at the beginning of the day. | נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית, אִין אָנהוֹיבְּ ס טָאג], |
| The reason for the<br>Shofar blowing is, | און וִוי גֶעבְּרַאכט אוֹיף דֶערוֹיף דֶער טַעַם, |
| to remind the Jewish<br>People of the awe of G-d. | אַז דָאס אִיז דֶערְמָאנֶען אִידְן אוֹיף דִי יִרְאָה, |
| "Is the Shofar ever<br>sounded in the city | "הַיִתָּקַע שׁוֹפָר בָּעִיר |
| and the people<br>do not tremble?" | וְעַם לֹא יֶחֱרָדוּ", |
| To evoke the<br>awe of G-d, | אוֹיף דֶערְמָאנֶען זִיךְ אוֹיף יִרְאַת-הַשֵׁם, |
| which brings one<br>to study Torah | וואָס דָאס בְּרֶענְגְט דֶערְנָאךְ אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה |
| and to fulfill its Mitzvot,<br>as mentioned earlier. | און מְקַיֵים-זַיין דִי מִצְוּוֹת וואָס אִין תּוֹרָה,<br>וִוי דֶערְמָאנְט פְּרִיעֶר, |

© 2000 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

| | |
|---|---|
| The Torah and Mitzvot<br>are recalled anew, | און וואָס דאָס ווערט נאָכאַמאָל<br>דערמאָנט פון-דאָס-ניי ממש |
| as though they were<br>given "this very day," | "היום הזה" — |
| through the<br>blowing of the Shofar. | דורך תקיעת שופר |
| As cited from the<br>verse, the reason | און ווי געזאָגט אין דעם טעם, |
| for Shofar blowing<br>is so that "they tremble": | אַז "יחרדו": |
| But the point of the "trembling"<br>is not the awe itself, | די זאַך פון דער יראה איז דאָס ניט פאַר-זיך, |
| rather the result which it brings<br>to, indeed the foremost result: | נאָר כדי דאָס זאָל ברענגען צו דעם תכלית,<br>צום עיקר תכלית, |
| Learning Torah and<br>fulfilling Mitzvot with joy. | |
| For there is another reason<br>for blowing the Shofar: | וואָס דאָס איז — ווי דער טעם<br>וואָס ס׳שטייט אויף תקיעת-שופר, |
| It is customary when<br>crowning a king, | אַז דאָס איז ווי מ׳פירט זיך,<br>אַז בשעת מ׳קרוינט אַ קייסער |
| to blow the Shofar as<br>an expression of joy | איז אָט דעמאָלט בלאָזט מען שופר,<br>אויף צו באַווייזן די שמחה, |
| in having<br>anointed a ruler, | אַז מ׳האָט מכתיר געווען דעם מלך, |
| as Rabbi Sa'adya Gaon<br>explains at length. | ווי ר׳ סעדי׳ גאון איז מאריך באַרוכה, |
| Similarly, the Shofar blowing<br>during the month of Elul | וואָס אָט אַזוי איז אויך בהנוגע<br>צו תקיעת-שופר פון חודש אלול, |
| —today's Shofar blowing, | תקיעת שופר פון היינטיקן טאָג, |
| which we have<br>just now fulfilled— | וואָס מ׳האָט אויך ערשט-אָ געבלאָזן — |
| it is to remind each of us, | אויף דערמאָנען יעדערן פון אונז |

© 2000 Jewish Educational Media, Inc.

## פרשת שופטים

| | |
|---|---|
| as well as all Jewish<br>people everywhere, | – און אויך אַלֶע אידְן בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם,<br>וואו זֵיי גֶעפִינֶען זִיך – |
| about the fear<br>and awe of G-d. | אויף דֶעם עִנְיָן פון יִרְאַת-הַשֵּׁם, |
| To fulfill what it says<br>in today's Torah portion: | און צו טָאן וִוי סְ'שְׁטֵייט<br>אִין דֶעם שִׁיעוּר פון דֶעם טָאג פון חוּמָשׁ – |
| To study Torah and<br>fulfill its Mitzvot. | לֶערְנֶען תּוֹרָה און מְקַיֵּים-זַיין זַיינֶע מִצְוֹת, |
| Beginning with the Mitzvah<br>of "you have distinguished," | אָנְהוֹיבְּנְדִיק פון דֶער מִצְוָה פון "הֶאֱמַרְתָּ" – |
| that we accept G-d as King<br>"this very day." | אַז מְ'נֶעמְט-אָן דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן אַלְס אַ קֵייסֶער,<br>"הַיּוֹם הַזֶּה", דֶעם טָאג מַמָּשׁ. |
| This connects to<br>another concept as well: | און דָאס אִיז אויך פַארבּוּנְדְן, |
| It is customary, and it is<br>mentioned in the Torah, | וִוי מְ'זֶעט דָאך וִוי סְ'פִּירְט זִיך אִין מִנְהָגִים,<br>און גֶעבְּרַאכְט אויך אִין תּוֹרָה, |
| that when a<br>king is crowned | אַז אַ מֶלֶךְ וֶוען מְ'קְרוֹינְט אִים אַלְס אַ קֵייסֶער, |
| he offers gifts to all<br>those who crowned him. | אִיז אָט דֶעמָאלְט גִיט עֶר מַתָּנוֹת צו דִי אַלֶע<br>וואָס הָאבְּן אִים מַכְתִּיר גֶעוֶוען אַלְס אַ מֶלֶךְ, |
| So now that, as mentioned<br>earlier, each of you– | וּבִפְרַט נָאך וִוי מְ'הָאט פְּרִיעֶר דֶערְמָאנְט,<br>אַז יֶעדֶערֶער פון אַייך |
| and certainly other Jewish<br>children and adults– | – און זִיכֶער נָאך אִידִישֶׁע קִינְדֶער<br>און אִידִישֶׁע עֶרְוַואקְסֶענֶע – |
| has presented gifts to G-d, in<br>the form of verses of Torah | הָאבְּן גֶעגֶעבְּן מַתָּנוֹת פון פְּסוּקֵי הַתּוֹרָה<br>און פון מַאַמָרֵי חַזַ"ל |
| and fulfillment of Mitzvot; | און פון קִיוּם הַמִצְוֹת, |
| indeed, you have<br>given abundantly | און גֶעגֶעבְּן אַ סַך, |
| and with a "smiling<br>and pleasant face." | און מִיט "פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת" און מִיט "פָּנִים יָפוֹת", |
| This further increases | וואָס דָאס פַארְגְרֶעסֶערְט נָאכְמֶערֶער |

© 2000 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

| | |
|---|---|
| the gifts from the King; | דִי מַתָּנוֹת וואָס דֶער קֵייסֶער, |
| gifts that G-d, King of<br>all kings blessed be He, | וואָס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער,<br>דֶער מֶלֶך מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, |
| gives each of you, | גִיט יֶעדֶערְן פוּן אַייך |
| and every Jew<br>wherever he may be. | אוּן יֶעדֶערְן פוּן דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק,<br>אוּן יֶעדֶער אִידְן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיך, |
| Beginning with<br>the foremost gift; | אָנְהוֹיבְּנְדִיק פוּן דֶער מַתָּנָה עִיקָרִית, |
| we will prepare for<br>the coming year, | אַז מְ׳זָאל זִיך גְרֵייטְן צוּ דֶעם יָאר וואָס קוּמְט-אָן, |
| and G-d will inscribe it<br>and seal it | אוּן סְ׳זָאל זַיין אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, |
| as a good, sweet year —visible<br>and revealed goodness, | לְשָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה בְּטוֹב הַנִרְאֶה וְהַנִגְלָה, |
| for all people<br>in all their needs. | צוּ יֶעדֶערְן אוּן יֶעדֶערֶע אִין וואָס עֶר נוֹיטִיקְט זִיך, |
| In addition to the<br>most essential blessing | צוּזַאמֶען מִיט דֶער בְּרָכָה הָעִיקָרִית — |
| the true and<br>complete redemption | גְאוּלָה הָאַמִיתִּית וְהַשְׁלֵימָה |
| through our<br>righteous Moshiach, | עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, |
| may it be<br>speedily in our days. | בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ מַמָּשׁ. |

© 2000 Jewish Educational Media, Inc.